**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/30/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעזיגנירט ראַרי עם. קריסטיען אלס פארזיצער פון דער פובליק סערוויס קאמיסיע, סי-אי-או פון דער דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער באשטימונג פון ראַרי עם. קריסטיען אלס פארזיצער פון דער פובליק סערוויס קאמיסיע און טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פון דער דעפארטמענט אוו פובליק סערוויס, דער שטאב ארעם פון דער קאמיסיע

"עס דערפרייידט מיט צו באשטימען ראַרי קריסטיען אלס פארזיצער פון דער PSC," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זיין טיפע פארשטאנד פון יוטיליטי אפעראציעס און רעגולאציע, ענווייראנמענטאלע פאליסי, און קאמיוניטי באשעפטיגונג מאכט אים אייגנארטיג קוואליפיצירט צו העלפן דעם סטעיט אדרעסירן דער קלימאט קריזיס און אין דער זעלבער צייט דערגרייכן PSC׳ס הויפט מיסיע פון אנהאלטן פארלעסליכע און צוגענגליכע יוטיליטי סערוויס. איך האב הויכע ערווארטונגען אז אונטער ראַרי׳ס פירערשאפט וועט דער PSC פאראויס-פירן אינאווירנדע ענערגיע און טעלעקאמוניקאציעס פאליסי, באשיצן קאנסומערס, פארבעסערן יוטיליטי פארלעסליכקייט און שטארקייט, שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג, און מיט פאראנטווארטליכקייט זיך נעמען צו די פאדערונגען פון קלימאט ענדערונג."

מר. קריסטיען האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין דער ענערגיע אינדוסטריע מיט ׳קי-ספען׳ ענערגיע וואו ער האט ערשט סערווירט אלס א ציווילע אינזשינער בעפאר זיין טראנזיציע צו א ראלע פון באשעפטיגן רעגירונג אגענטורן וואס אפערירן אין לאנג איילענד און ניו יארק סיטי. אין יענע ראלע איז ער געווען פאראנטווארטליך פאר קאארדינירן אקטיוויטעטן צווישן ׳קי-ספען׳ און רעגירונג ארגאניזאציעס, אויסארבעטן קאנטראקטן, און אנטוויקלען קאנטינדזשענסי פלענער און פארגלאטיגן אפעראציעס צופרידנצושטעלן ביידע ארגאניזאציע׳ס אפעראציאנעלע געברויכן.

מר. קריסטיען האט דערנאך זיך אריבערגעצויגן צו ׳עקסעלאן ענערדזשי׳, וואו ער האט אנטוויקלט נייע פראדוקטן צו צילן דער פובליק סעקטאר קליענטעל און געהאלפן גרינגער מאכן דאס שאפן פון מערערע מיטארבעטשאפטן און אליאירונגען. מר. קריסטיען האט פריער סערווירט אלס דירעקטאר פון ענערגיע פינאנץ און סוסטעינעביליטי פאר דער ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט, וואו ער האט אויפגעזעהן דער אויטאריטעט׳ס דעמאלסדיגער 500 מיליאן דאלערדיגע פארטפעל מיט׳ן ציל פון רעדוצירן יערליכע ענערגיע אויסגאבן און אין דער זעלבער צייט דערגרייכן שטאט, סטעיט, און פעדעראלע מאנדאטירטע גרינהויז גאז ארויסלאז עמיסיע רעדוקציע פארלאנגען.

אין לעצטערע יארן איז ער געווען דער דירעקטאר פון ניו יארק ריינע ענערגיע ביי ׳ענווייראנמענטעל דעפענס פאָנד׳, וואו האט צוגעשטעלט סטראטעגיע פארוואלטונג, פראגראמירונג, ביזנעס אנטוויקלונג, און סטעיקהאָלדער מיטארבעטשאפט פאר דער ריינע ענערגיע פראגראם אין ניו יארק. ער האט אויפגעזעהן א מולטי-געביטער מאנשאפט (עקאנאמיסטן, לאויערס, און אינזשינערס) אויף צו אויספלאנירן, איינפירן,און פארוואלטן לעגיסלאטיווע און פאליסי קאמפיינס אראפצוברענגען די ענווייראנמענטאלע השפעה פון עלעקטריציטעט פראדוקציע.

**רארי קריסטיען האט געזאגט**, "איך בין טיף פארעהרט צו זיין דעזיגנירט אלס פארזיצער פון דער קאמיסיע און סי-אי-או פון דער דעפארטמענט. איך דאנק גאווערנער האקול און איך קוק ארויס אויף צו ווידמען מיין צייט, כוחות, און טאלאנטן צו העלפן פארזיכערן אז ניו יארק טרעפט צו אירע ריינע ענערגיע צילן, דורך לייזונגען וואס פריאריטיזירן גלייכקייט, פארלעסליכקייט, און שטארקייט."

מר. קריסטיען האט גראדואירט פון דער סיטי קאלעדזש פון ניו יארק, גראַוו סקול פון ענדזשיניערינג מיט א בעטשלער׳ס דעגרי אי ציווילע ענדזשיניערינג און אן עם-בי-עי פון דער בארוך קאלעדזש, זיקלין סקול פון ביזנעס. מר. קריסטיען וואוינט אין ברוקלין, ניו יארק מיט זיין פאמיליע.

**וועגן דער PSC**
דער פובליק סערוויס קאמיסיע רעגולירט דער סטעיט׳ס עלעקטרישע, גאז, סטיעם, טעלעקאמוניקאציעס, און וואסער יוטיליטיס. דער קאמיסיע טוהט אויך אויפזעהן דער קעיבל אינדוסטריע. דער קאמיסיע איז באאויפטראגט דורך דער געזעץ מיט׳ן פאראנטווארטליכקייט פאר׳ן אוועקשטעלן ראטעס און פארזיכערן אז ניו יארק׳ס יוטיליטיס שטעלן צו גענוג צוגעפאסטע סערוויס. אין צוגאב טוהט דער קאמיסיע אויספירן איר יוריסדיקציע איבער דאס פלאצירן פון הויפט גאז און עלעקטרישע טראנסמיסיע איינריכטונגען און האט פאראנטווארטליכקייט פאר פארזיכערן דער זיכערהייט פון נאטורליכע גאז און ליקוויד פעטראל פייפליינס.

דער קאמיסיע איז נאנפארטיזאן לויט׳ן געזעץ זינט 1970, און באשטייט פון זיבן מיטגלידער, יעדע איינס באשטימט דורך דער גאווערנער און באשטעטיגט דורך דער סטעיט סענאט פאר א טערמין פון זעקס יאר אדער צו ענדיגן אן אומעקספירירטער טערמין פון א געוועזענער קאמישענער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן